# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת תולדות

## קדושת שבת

### היטן פון כַּעַס אום שַׁבָּת

**שטייט** אין נָאמֶען פון האריה"ק זצ"ל אַז עֶר האָט שטארק געווארנט אַז שַׁבָּת זאל מען זיך בִּכְלָל נישט אויף רעגן אֲפִילוּ נישט אויף אַ דָּבָר מִצְוָה, עֶר פלעגט שטענדיג מוּסַר זאגן פאר זיין תַּלְמִיד וועלכער האָט זיך גערעגט אויף זיינס אַ ברודער ווען עֶר האָט מִיט אים געלערנט שַׁבָּת, נאָר מען זאל זיך איינגעוואוינען צוּ זֵיין שטרענג, מען מעג אֲפִילוּ שלאגן אויב עס פעלהט אויס, אבער אַלֶעס אָן קֵיין כַּעַס.

**דאס** זעלבע איז אויך שייך בַּיי דִי קינדער און אויף זֵיין בְּנֵי בַּיִת, אַז שַׁבָּת זאל מען אכטונג געבן מען זאל האָבן מער געדולד צוּ זֵיי, כְּדֵי מען זאל נישט צושטערן זֵיין שְׁמִירַת שַׁבָּת.

**דאס** בעסטע איז אַז מען זאל גארנישט מוּסַר זאגן תֵּיכֶף ווען זֵיי האָבן עפעס געטאן וואס מען האָט ווען נישט געדארפט צוּ טוהן, נאר שפעטער ווען זֵיין צאָרן פון זֵיין האַרץ איז שוין בארוהיגט און געלאסענערהייט עס זאל נישט זֵיין פון אַ פארביטערנישט פון זֵיין האַרץ וואס קאכט אִין אים, ווייל וואויל איז זייער חֵלֶק וועלכע רעגן זיך נישט אום שַׁבָּת, ווִי עס שטייט בְּפֵירוּשׁ אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ [פ' תצוה].

**הנהגת הצדיקים צוואת רבי משה חסיד מפראג**

**שטייט** אין סֵפֶר אַגְרָא דְּכַלָּה, אַז שַׁבָּת דארף יעדער איינער ארויס ווייזן אַ פרייליכקייט פון זֵיין האַרץ און אַ פרייד צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועלכע האָט געגעבן דעם הייליגן שַׁבָּת צוּ דִי אִידִישֶׁע קינדער פאר אַ מַתָּנָה, ווייל אויב מען ווייזט נישט ארויס אִין דִי עפענטליכקייט זֵיין פרייד, דעמאלס טוען זיך אפ פון אים ח"ו דִי מַלְאָכִים, דעריבער זאל מען נישט ארויסווייזן קֵיין שׁוּם צארן אויף קיינעם אֲפִילוּ ווען עס איז אַ מִצְוָה זיך צוּ רעגן, ווִי אויף דִי מענטשן וועלעכע טוהן עֲבֵירוֹת, דעסטוועגן זאל דאס בְּשׁוּם אוֹפֶן נישט זֵיין אום שַׁבָּת.

**אגרא דכלה פ' ויקהל ד"ה וירמוז**

### שַׁבָּת יוֹמָא דְּאוֹרַיְתָא

**דער** מִדְרַשׁ דערציילט, אַז ווען דִי אידן זענען געווען אִין מִדְבַּר האָט דִי תּוֹרָה געזאגט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דִי אידן וועלן קוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואס וועט זֵיין מִיט מיר, ווער וועט מִיר לערנען, אַלֶע אידן וועלן דאך גיין אקערן און אנזייען זייערע פעלדער, און קיינער וועט נישט לערנען קיין תּוֹרָה.

**האט** הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איר געענטפערט: איך האָב פאר דיר אַ באהעפטונג, דאס איז דער טאג שַׁבָּת, וואס אִין דעם טאג ארבעטן נישט דִי אידן, וועלן זֵיי קומען אִין דִי שוהלן און וועלן לערנען דִי תּוֹרָה.

**טור או"ח סי' ר"צ**

**הַשֵּׁם** יִתְבָּרַךְ האָט געזאגט פאר דִי אידן, איך האָב נישט פאר אייך געשריבן אִין מיין תּוֹרָה, אַז דִי תּוֹרָה זאל זיך נישט אפטוהן פון אייער מויל, כאטש איר ארבעט אַלֶע זעקס טעג פון דעם וואך, אבער דעם שַׁבָּת זאלט איר דאס אינגאנצן מאכן פאר תּוֹרָה. פון דא האָבן דִי חֲכָמִים געזאגט אַז שַׁבָּת אינדערפרי זאל דער מענטש אויפשטיין פְּרִי און גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לערנען תּוֹרָה, און לערנען אִין נְבִיאִים. דערנאָך זאל עֶר אהיים גֵיין און עסן און טרינקן מְקַיֵּים צוּ זֵיין וואס עס שטייט אִין פָּסוּק לֵךְ אֱכוֹל לַחְמְךָ בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ, גֵיי אהיים און עסט דיין ברויט מִיט שִׂמְחָה.

**תנא דבי אליהו רבא פכ"ו**

**דער** מִדְרָשׁ ברענגט אַז אונזערע רַבִּ'ס דִי בַּעֲלֵי אַגָּדָה זאגן, אַז פון אָנְפַאנג תּוֹרָה ביז צוּם סוֹף איז נישטא קֵיין שׁוּם פָּרָשָׁה וואס זאל זיך אנהייבן מִיט דאס וָואֹרְט וַיַּקְהֵל בלויז דִי פָּרָשָׁה וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה.

# קדושת שבת

**דער** טַעַם דערפון איז וֵוייל השי"ת האָט געזאגט פאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מאך פאר דִיר גְרוֹיסֶע קְהִלּוֹת און דַּרְשְׁ'ן פאר זֵיי בְּרַבִּים דִי הֲלָכוֹת פון שַׁבָּת, כְּדֵי עס זאלן זיך אפ-לערנען פון דִיר אַלֶע קומענדיגע דוֹרוֹת אַז זֵיי זאלן אויך מאכן יעדן שַׁבָּת קְהִלּוֹת און גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צו לערנען און פָּסְק'ענען פאר אִידִישֶׁע קינדער וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט טוהן, כְּדֵי מיין גרויסער נָאמֶען זאל געלויבט ווערן צווישן מיינע קינדער.

**מֹשֶׁה** רַבֵּינוּ האָט געזאגט פאר דִי אידן, אויב וועט איר דאס איינהאלטן, זאגט אייך הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, איך וועל דאס רעכענען פאר אייך וִוי גלייך איר האָט מיך געמאכט קעניגן אִין מֵיין וועלט.

**ילקוט שמעוני פ' ויקהל רמז ת"ח בשם מדרש אבכיר**

**שטייט** אִין יְרוּשַׁלְמִי, רַבִּי בְּרַכְיָה האָט געזאגט אִין נָאמֶען פון רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא, אַז דִי שַׁבָּתִים און יָמִים טוֹבִים זענען געגעבן געווארן נאָר אַז מען זאל לערנען. **ירושלמי שַׁבָּת פ' ט"ו ה"ג**

**רַבִּי בְּרַכְיָה** האָט געזאגט און נָאמֶען פון **רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא**, שַׁבָּת איז געגעבן געווארן נאָר פאר פארגעניגען.

**רַבִּי** חַגַּי האָט געזאגט און נָאמֶען פון רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן, שַׁבָּת איז געגעבן געווארן נאָר מען זאל לערנען תּוֹרָה.

**שטייט** אִין פְּסִיקְתָא אַז רַבִּי בְּרַכְיָה און רַבִּי חַגַּי קריגן זיך נישט. דאס וואס רַבִּי בְּרַכְיָה האָט געזאגט אִין נָאמֶען פון רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אַז שַׁבָּת איז געגעבן געווארן נאָר אויף פארגעניגען, רעדט זיך פון תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואס אַ גאנצע וואָך לערנען זֵיי תּוֹרָה, דערפאר זאגט רַבִּי בְּרַכְיָה אַז שַׁבָּת זאלן זֵיי זיך לְכָבוֹד שַׁבָּת מְעַנֵּג זיין. און דאס וואס רַבִּי חַגַּי האָט נאכגעזאגט אִין נאמען פון רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן, אַז שַׁבָּת איז געגעבן געווארן אַז מען זאל לערנען, רעדט זיך פון ארבעטער וואס ארבעטן אַ גאנצע וואך, דערפאר אַז עס קומט שַׁבָּת דארפן זֵיי לערנען תּוֹרָה. **פסיקתא דר"כ פ' כ"ג**

## דער תַּכְלִית פון שַׁבָּת - תּוֹרָה

**די** גְמָרָא זאגט [גיטין ל"ח:], אַז צוליב דריי זאכן ווערן דִי בַּעֲלֵי-בָּתִּים אָרוּם, איינער פון דִי זאכן איז וֵוייל זֵיי באַשטימען דִי צייט צו עסן זייערע שַׁבָּת'דיגע סְעוּדָה אִין דִי צייט וואס עס איז באַשטימט צו לערנען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, איז דאס גוֹרֵם אַז זֵיי ווערן ליידער אָרוּם. וֵוייל וויבאלד דער שַׁבָּת איז נאָר געגעבן געווארן פאר דעם מענטש כְּדֵי עֶר זאל זיין פריי פון אַלֶע זיינע וואכענדיגע געשעפטן און עֶר זאל שַׁבָּת קענען לערנען תּוֹרָה, וואס די תּוֹרָה איז דִי הַשְׁלָמָה פאר דעם נֶפֶשׁ, וויבאלד נאָר אִין דִי תּוֹרָה טרעפט דער נֶפֶשׁ זיין צופרידענהייט, וואס דערפאר איז יעדער איינער מוֹדֶה אַז אום שַׁבָּת האָט השי"ת געגעבן דִי תּוֹרָה.

**אויך** צוליב דעם טַעַם זאגן דִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז שַׁבָּת באקומט יעדער איינער אַ נְשָׁמָה יְתֵירָה, כְּדֵי דער מענטש זאל האָבן שַׁבָּת מער שֵׂכֶל און פארשטאנד צו פארשטיין דִי רייד פון דִי תּוֹרָה, וֵוייל דאס איז דער תַּכְלִית פון שַׁבַּת קוֹדֶשׁ.

**דערפאר** דער מענטש וואס נוצט נישט אויס דִי צייט צו לערנען תּוֹרָה, נאָר צוליב דעם וואס עֶר האָט אסאך גֶעלְט, פארמערט עֶר מִיט עסן און טרינקן, דערפאר איז זיין שטראף אַז עֶר ווערט ליידער אָרוּם. **חידושי אגדות מהר"ל גיטין ל"ח:**

**שַׁבָּת** באקומט מען מער חָכְמָה

**שטייט** אִין פָּסוּק [שמות כ' ח'], זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - געדענק שְׁטֶענְדִיג דעם טאג שַׁבָּת אִים צו הייליגן. דאס מיינט אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געהייליגט דעם שַׁבָּת אַז דער מענטש זאל זוֹכֶה זיין מְקַבֵּל צו זיין אום שַׁבָּת אַ גרעסערע חָכְמָה, מעֶר פון דִי וואכן טעג. וֵוייל דער שַׁבָּת איז געגעבן געווארן נאָר צוליב דעם כְּדֵי מען זאל האָבן דִי מעגליכקייט צו קענען טראכטן און פארשטיין דִי וואונדערליכע ווערק פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, ווִי אִין פָּסוּק שטייט [תהלים צ"ב ה'] כִּי שִׂמַּחְתַּנִי ה' בְּפָעֳלֶךָ - וֵוייל דוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האסט מִיךְ דערפרייט מִיט דיינע וואונדערליכע ווערק. און אויך כְּדֵי מען זאל זיך פלאגן אִין זיין תּוֹרָה, וויבאלד אַ גאנצע וואָך איז דער מענטש פארפלאגט מִיט זיין ארבעט, דערפאר פאסט זיך אַז אום שַׁבָּת וואס איז אַ טאג וואס מען רוהט, זאל מען זיך מִתְבּוֹנֵן זיין צו רוען נאָר צוליב דעם כָּבוֹד פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דורכ'ן לערנען וואס מעֶר תּוֹרָה, און מען זאל חָלִילָה נישט רעדן קֵיין וואכענדיגע זאכן.

**דערפאר** איז געווען אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אַז אויף שַׁבָּת איז יעדער געגאנגען צו דִי נְבִיאִים און צו דִי חֲכָמִים צו הערן פון זֵיי דִי רייד פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. **אבן עזרא פ' יתרו ד"ה זכור**